בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

441

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## ירושלים
רח' רבי נחמן מברסלב 15
054-845-6150

## בני ברק
רח' ירושלים 2
052-760-5715

## טבריה
רח' משה שפירא 2
050-411-6421

## בית שמש
רח' נהר הירדן 25
הכניסה מצד ימין בגינה
050-419-9751

## ברכפלד
רח' רשבי 19
052-715-6479

## יבנאל
רח' המייסדים
052-716-3184

## צפת
רח' צהל 1
050-412-6101

## אלעד
רח' הרב יוסף קארו 5
052-598-3029

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

## האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

## אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

## עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd
Liberty, NY 12754

## פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

## מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
11 Jerusalem Ct
Liberty NY, 12754

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
718.384.1652

## בארא פארק
1415 55th Street
Brooklyn NY 11219
347.760.5924

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
845.467.5299

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
845.243.0563

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
845.238.0804

## מאנסי
34 Union Rd.
Spring Valley, NY 10977
845.445.9314

## לונדון
23A St Andrew's Grove
447388582855


עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com


לשמיעת השיעורים הנפלאים
של ראש הישיבה שליט"א
חייגו:
קול ברסלב
079-704-0066
חיזוק פאר אידישע שטוב
079-704-0069


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
718.387.2691

# אִיש אֱמוּנוֹת


אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף..................................................... א

זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים צַדִיק..................................................... ג

שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה אַז דִי זוּמֶער זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גוּט ..................................................... ה

וואוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין וואוֹינֶען?..................................................... ז

זַיין זוּמֶער אִין אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע סְבִיבָה..................................................... ח

דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר רַאטֶעוֶועֶן פוּן דִי זוּמֶער נִסְיוֹנוֹת..................................................... י

דִי סְקוּל אִיז נִישְׁט קֵיין סְקוּל?..................................................... יא

פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אִין קַאנְטְרִי ..................................................... יב

הֶער אוֹיף גֵיין אִין שְׁוִויץ ..................................................... יד

פְּרִיוַואט מִיט דִי פַאמִילְיֶע אִין קַאנְטְרִי ..................................................... יד

שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי מוֹתְרוֹת, נִישְׁט בַּיי עֶרְלִיכֶע זַאכְן ..................................................... טז

שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת מִיט דִי אֵייגֶענֶע פַאמִילְיֶע..................................................... טז

אַהֵיימְקוּמֶען פוּן קֶעמְפּ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם ..................................................... יח

אַרַיינְשְׁרַייבְּן אַ קְלֵיין בְּרִיוֶועלֶע אִינֶעם סִידוּר אוּן תְּהִלִים ..................................................... יט

נִישְׁט אוּנְטֶערְגְרָאבְּן בֵּית פֵיגָא ..................................................... כ

אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט, בַּאצָאלְט מֶען גֶעפֶערְלִיךְ ..................................................... כא

שְׁוִוימֶען מִיט אֵיידְלְקֵייט..................................................... כב

דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְּרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ ..................................................... כד

וואוּ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער? ..................................................... כה

רֶעדְן צוּ דִי טֶעכְטֶער אֵיידֶער זֵיי גֵייעֶן אִין קֶעמְפּ..................................................... כה

אוֹיפְצִיעֶן דִי טֶעכְטֶער עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט..................................................... כו

וָואס צוּ טוּן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אִין קֶעמְפּ..........כז
מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶער נָאר מִיט דִי תּוֹרָה..........כח
אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה..........ל
פָארְן קַיין אוּמַאן מִיט לוּפְטְהַאנְזַא עֶירְלַיין?..........לא
קוּקְן אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת וְוִי דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע נְכָסִים..........לא
אִיךְ זָאג דִיר, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען..........לב
אַלְס חָתָן אִיז גָאר אַ גוּטֶע צַייט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ..........לב
דִי פַארְהֶער אִיז נָאר מְחַזֵק צוּ זַיין, נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן..........לג
נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן..........לד
מֶעג אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען חָכְמַת הַיָּד וְהַפַּרְצוּף..........לה
גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס גֶעבְּן זֵייעֶר מֹחַ אוּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער..........לה
אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אֵיינִיג אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט..........לו
לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶועק זִיךְ אוֹיף..........לז
נָאךְ אַ טָאג אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית אוּן תְּפִילִין..........לח
פְּרִיוַואטֶע שֶׁעמֶעדִיגֶע זַאכְן, שְׁלוֹם בַּיִת אוּן חוֹבוֹת..........לט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר שֵׁיינֶע הַנְהָגוֹת ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, נֶעם אִין בֶּעט מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים; אַז מֶען שְׁלָאפְט אַיין מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים – אִיז דִי שְׁלָאף אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף, מֶען שְׁלָאפְט מִיט שְׁמִירָה, אוּן לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה; דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר מֶען זָאל מְזַלְזֵל זַיין אִין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה, וַוייל דָאס הַרְגֶ׳עט אִים. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנוּ״, דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן – גֵייעֶן אַלֶע מַזִיקִים אַוֶועק פוּן אִים; דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער מַלְאָךְ הַמַּזִיק – וֶוערְט אוֹיס דוּרְךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ״, וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן – אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן אַזוֹי הַרְגֶ׳עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִיקִים, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ח:), רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: ״אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית״, אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי׳אִישֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז: ״לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא

קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז ווֶען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

פַאְרן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע זָאג דֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֲרֵינִי מוֹחֵל", זַיי מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (פַּרְשַׁת מִקֵּץ, דַּף רא:), אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אַבָּא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן דִי שְׁטָאט לוֹד, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם אָנְקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט, דֶער אִיד הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט. ווֶען דֶער אִיד אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן בַּאמֶערְקְט רֶבִּי אַבָּא ווִי אַ שְׁלַאנְג קְרִיכְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן אֵיידֶער דֶער שְׁלַאנְג הָאט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ - אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ צְוַוייג אוֹיף אִים אוּן אַזוֹי אִיז דִי שְׁלַאנְג גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן.

ווֶען דֶער אִיד הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעזֶען דִי טוֹיטֶע שְׁלַאנְג הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶערוּקְט פוּן זַיין פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן, אוּן פִּינְקְט אַ סֶעקוּנְדֶע דֶערוֹיף אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן דִי גַאנְצֶע שְׁטִיקְל עֶרְד וואוּ עֶר אִיז פְרִיעֶר דָארְט גֶעשְׁלָאפְן, אִיז רֶבִּי אַבָּא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, ווֶער זֶענְט אִיר אוּן וָואס זֶענֶען אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אַייךְ גֶעטוֹן צְוֵויי גְרוֹיסֶע נִסִים?" זָאגְט דֶער אִיד: "נִישְׁטָא קֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי ווֶעלְט וָואס הָאט מִיר גֶעטוֹן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט וָואס אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טְרֶעפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מִיר גֶעטוֹן שְׁלֶעכְטְס - בִּין אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען", הָאט רֶבִּי אַבָּא גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט ווֶערְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוֹן מִיט דִיר נִסִים".

נָאכְן מוֹחֵל זַיין אַלֶעמֶען, זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין. לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל, דִי דְרַיי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב), ווֶען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר

עֶר גֵייט שְׁלָאפְן און עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגֵל וַואסֶער אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, מֶען קֶען זֶען אַ סִימָן אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיב עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיב עֶר גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגֵל וַואסֶער. און גֵיי שְׁלָאפְן אֵיידְל, טוּ זִיךְ אִיבֶּער דִי נַאכְט קְלֵיידֶער אֵיידְל, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועט דִי שְׁלָאף זַיין אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף מִיט הֵיילִיגֶע חֲלוֹמוֹת, און דִי טָאג וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, און דוּ וֶועסְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן פוּן דַיין הִתְקַרְבוּת בַּיים רֶבִּי'ן, און הַאלְט פַאר דַיינֶע אוֹיגְן אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער און יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי שֵׂכֶל, עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן מוֹהֲרַ"ש, און אַז מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון, דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן הֲלָכָה ד', אוֹת ז; וְעוֹד): "שָׁמַעְתִּי מֵאַדְמוּ"ר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן: "חָסִיד שֶׁנָּפַל גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָּד", אַ חָסִיד וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט - אִיז עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְ'ט; מוֹהֲרַ"שׁ אִיז מַסְבִּיר, דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְ'ט אִיז נִישְׁט אַזַא סַכָּנָה, וַוייל קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, ווִידֶער דֶער חָסִיד שֶׁנָּפַל, דֶער וָואס זֶעט אוֹיס ווִי

אַ חָסִיד, און פון אִינֶעוֵויינִיג אִיז עֶר פַארְלָאשְׁן - פון אַזַא אֵיינֶעם וֵוייסְט מֶען נִישְׁט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, און מֶען הֶערְט אוֹיס דִי טַעֲנוֹת, דִי מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ', און מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

דָאס מוּז מֶען אַרִיבֶּער גֵיין בַּיים וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, אַלֶע גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער, מֶען רֶעדְט וְכוּ', מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ'. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכא), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָכָר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דְרַיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרֵיינָא: שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ און מָאהְלִיב. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, און בַּיים אָנְהֵייבּ אִיז רֶבִּי דָוִד צְבִי גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הַנְהָגָה פון דֶעם צַדִּיק, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס זַיינֶע חֲסִידִים רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשְׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט רֶבִּי דָוִד צְבִי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פָארְן צוּ דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשְׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר ווִיל זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צֵי רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשְׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און צוּגֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶּער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט צוּ הֶערְן פון זַיינֶע חֲסִידִים לֵיצָנוּת אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' און דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ'. עֶס הָאט אִים זֵייעֶר ווֵיי גֶעטוּן דִי מַחֲלֹקֶת און פֵּירוּד לְבָבוֹת צְווִישְׁן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים בִּיז עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען און גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים און וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים"; דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט עֶר זָאל פַיינְט הָאבְּן חֲסִידִים. פון דֶעמָאלְט הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיידֶעמֶער ווי עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ זֵיי קֶעגְן חֲסִידִים.

דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן; וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּם שְׁנַת תקס"ג, און עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי

הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה) – אִיז אִים פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן דִי שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים לַאנְגֶע יָארְן גֶעשְׁטֶערְט, אַ קַשְׁיָא וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דוּ דַארְפְסְט גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי צַדִּיקִים, דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דִיךְ פַּארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ", וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז מִיר גְלַייךְ פַּארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נָאר מִיךְ צוּ פַּארְטְרַייבְּן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי".

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה אַז דִי זוּמֶער זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי 'אִילָן הַחַיִּים', דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן זֶען אַז אִין אוּנְזֶער קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים

זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי מִשְׁפָּחוֹת אוּן עֶס זָאל זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעזוּנְט פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ גֵיין זוּמֶער אִין קַאנְטְרִי צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, עֶס אִיז גֶעזוּנְט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת; דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אִין דִי פֶעלְדֶער מִיט דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, דִי קִינְדֶער גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג, אוּן אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת אִיז דָאס גָאר גוּט; וַוייל אִין קַאנְטְרִי אִיז דִי לוּפְט רֵיין, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מֶען זֶעט נָאר הִימְל אוּן עֶרְד, דִי נַאטוּר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שֵׁיינֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל מִיט דִי גֶעשְׁמַאקֶע גְרִינֶע גְרָאז, מֶען זֶעט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס טוּט אַוֶועק נֶעמֶען דִי יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט דִי אֱמוּנָה.

אוֹיךְ פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס אִיז דָאס גוּט, מֶען קֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָנְשֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה אַז דִי זוּמֶער זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גוּט, מֶען זָאל פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אִיז תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶער עֶנְק פָארְן אַרוֹיס אִין 'קַאנְטְרִי' אַז מֶען זָאל פָארְן גֶעזוּנְט אוּן צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט. וֶוען דוּ פָארְסְט אַרוֹיס מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער אַז אַלֶעס זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם, זָאג תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אוּן גֶעבּ צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ חֵלֶק א, סִימָן ח): "כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה", אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין וֶועג - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה; עֶס אִיז גוּט צוּ הַאלְטְן אַ פּוּשְׁקֶע אִין קַאר, אוּן יֶעדֶע מָאל מֶען פָארְט מִיט דִי קַאר - זָאל מֶען לֵייגְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אֲפִילוּ מֶען פָארְט אִין שְׁטָאט זָאל מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אָן זָאגְן דִי שֵׁם בַּיי דִי בְּרָכָה, אַזוֹי אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען הָאט אַ שְׁמִירָה אוֹיפְן וֶועג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִיצְן דִי סְגוּלָה פוּן 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה'; מַאךְ זִיךְ אַ צַייט יֶעדְן טָאג צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים – עֶפְנְט עֶר אוֹיף אַ פֶּענְסְטֶער אִין הִימְל פַּאר נָאךְ נִיסִים; זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי חֲסָדִים; פַּאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַּאר דַיין פַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁמִירָה דֶעם גַאנְצְן זוּמֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## וואוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין וואוֹינֶען?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן מָאנְסִי, דוּ הָאסְט פֵייגְלֶעךְ אִין קָאפּ צוּ פַארְן קֵיין פְלַארִידֶע; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַ אִיד וָואס זוּכְט וואוּ צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז, וואוּ צוּ וואוֹינֶען – קוּקְט נִישְׁט וואוּ מֶען קֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע פַּאלַאץ פַּאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען צָאלְט וֶוייניג טֶעקְס (שְׁטֵייעֶר), אַ אִיד קוּקְט אוֹיף אֵיין זַאךְ: ׳וואוּ וֶועל אִיךְ קֶענֶען אוֹיפְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע דוֹרוֹת מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם? אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן נִישְׁט גֵיין מַטָּה מַטָּה׳; נָאר אוֹיף דֶעם קוּקְט אַ אִיד; וואוּ אִיז דָא גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, וואוּ אִיז דָא אַ גוּטֶע שׁוּל מִיט אַן עֶרְלִיכֶע רָב וָואס וֶועט מִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג, עֶר וֶועט מִיךְ מְחַזֵק זַיין נִישְׁט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער, אוּן וואוּ אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶער דַיָּן וָואס וֶועט מִיר הֶעלְפְן מִיט מַיינֶע שְׁאֵלוֹת; דָאס אִיז אַ אִיד, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, הַיינְט אִיז דָא נַייעֶ גֶעגְנְטֶער וָואס וֶוערְן גֶעפִירְט דוּרְךְ עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת, עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים, דָארְט לוֹינְט צוּ גֵיין

וואוינֶען, דָארְט זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ דִירָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן סַיי דִי גְרוֹיסֶע דִירָה; דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶעבְּן בִּמְנוּחָה, אִינְאֵיינֶעם מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן אַן עֶרְלִיכֶע גֶעגְנְט צוּ אַ גֶעגְנְט וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹיט דוּרְךְ בִּיזְנֶעסְלַייט (דֶעוֶועלָאפֶּערְס), אַ גֶעגְנְט וואוּ עֶס וואוינֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיס קֵיין רַבָּנִים אוּן דַיָּנִים; בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (הוֹרָיוֹת יב.): "תִיבוּ אַקִּילְקְלֵי דְמָתָא מְחַסְיָא, וְלֹא תִיבוּ אַפַּדְנֵי דְפוּמְפְּדִיתָא", עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיצְן אִין דִי מִיסְט פוּן דִי שְׁטָאט מָתָא מְחַסְיָא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, וִוי צוּ וואוינֶען אִין דִי פַּאלַאצְן פוּן פּוּמְבְּדִיתָא וָואס דִי אַיינְוואוינֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ; מֶען קֶען פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער מִיט דִי אֵיינִיקְלֶעךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## זַיין זוּמֶער אִין אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע סְבִיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קַאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים, דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאר צוּ גֵיין אִין אַ קַאנְטְרִי מִיט גוּטֶע שְׁכֵנִים, עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "טוֹב לַצַּדִּיק טוֹב לִשְׁכֵינוֹ", אוּן אַז מֶען גֵייט אִין אַ קַאנְטְרִי מִיט עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, וֶועט עֶס הָאבְּן אַ גוּטֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַארְקֶערְט (שָׁם): "אוֹי לָרָשָׁע אוֹי לִשְׁכֵינוֹ", אַז מֶען גֵייט אִין אַ קַאנְטְרִי וָואס דִי מִשְׁפָּחוֹת פִירְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל - וֶוערְט מֶען אוּמְדִירֶעקְט אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט.

אַזוֹי ווי מִיר גֶעפִינֶען (פְּסָחִים קיב:), רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תָּדוּרוּ בִּשְׁכֻנְצִיב", זֵיי זָאלְן נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטֶעטְל שְׁכֶנְצִיב; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קָאנְטְרִי מִיטְן נָאמֶען: "קָאנְטְרִי שְׁכֶנְצִיב", וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּרָאבְּלֶעם דָארְט? זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵצִים, מֶען הָאט דָארְט גֶעשְׁפֶּעט פוּן מִנְהָגִים אוּן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז זַיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען הַאלְטְן, וַוייל לֵיצָנוּת אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, לֵיצָנוּת אוֹיף רַבָּנִים אוּן אוֹיף אִידִישֶׁע מִנְהָגִים - אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶס שַׁאט אֲפִילוּ פַאר דִי עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט פוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טֵייעֶרֶער חַבֵר, וואוֹיל אִיז דִיר אַז זוּמֶער וֶועסְטוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל גֵיין אִין קָאנְטְרִי קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר זַיינֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים. דָוִד הַמֶּלֶךְ הוֹיבְּט אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּהִלִים (א, א): "אַשְׁרֵי הָאִישׁ", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נִישְׁט אִין אַ פְּלַאץ פוּן רְשָׁעִים, "וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב", אוּן זִיצְט נִישְׁט מִיט לֵצִים; וַוייל עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט ווי אֵיידֶער אָנְקוּמֶען אִין קָאנְטְרִי מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע סְבִיבָה, וַוייל אֵיין עַזּוּת פָּנִים קֶען דִיךְ אַרָאפְּפִירְן אִין אָפְּגְרוּנְד; וָואס מֵיינְסְטוּ, ווי אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי זַאךְ פוּן רֵייכֶערְן סַם הַמָּוֶת? מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי נֶעכְט אִין 'קָאנְטְרִי', אוּן עֶס קוּמְט אַ לֵץ אוּן זָאגְט: "נֶע עֶס אִיז גָארְנִישְׁט... יֶעדֶער רֵייכֶערְט דִי סְחוֹרָה... זֵיי נִישְׁט אַזוֹי פְלַאטְשִׁיג..." אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶעס, עֶס קוּמְט אַ שִׁיכּוֹר אוּן הֵייבְּט אָן מַאכְן פַּארְטִיס יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי אוּן גִיסְט אָן כּוֹסוֹת ווִיסְקִי, וָואדְקֶע - פַאר אֵיידֶעלֶע אִינְגֶעלַייט, אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ווי אַזוֹי צוּ זָאגְן נֵיין, ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיס צוּ דְרֵייעֶן, בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיךְ אַ שִׁיכּוֹר, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶעס; אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן אַ גַאנְג אִין קָאנְטְרִי.

מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע סְבִיבָה וואוּ צוּ זַיין זוּמֶער, אַ קָאנְטְרִי וָואס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ רַב אָדֶער אַ דַּיָּן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ, דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים.

מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט דִי גֶעבֶּעט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען (בְּרָכוֹת טז:), אַז מֶען זָאל בֶּעטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַאר אַ 'חָבֵר טוֹב', אוּן זִיךְ הִיטְן פוּן אַ 'חָבֵר רַע'; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סִידּוּר עֵת רָצוֹן תְּפִלַּת הַשַּׁחַר, אוֹת ג), דִי תְּפִלָּה אִיז גָאר וִויכְטִיג אוּן זֵייעֶר חָשׁוּב, מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַוֵּון זַיין בַּיי דִי תְּפִלָּה; אוֹיף אַ גוּטֶע חַבֵר בֶּעט מֶען אֵיידֶער מֶען בֶּעט צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן מַלְשִׁינוּת, עֲלִילָה, מִיתָה מְשׁוּנָה, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה; שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא.

בַּיי דִי וַוייבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער; עֶס קוּמְט אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי פוּן אַ חָשׁוּב'ע אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחָה וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידֶל, וָואס פִירְט זִיךְ וִוי דִי מַאמֶע, אוּן אֵיין זוּמֶער מַאכְט אַלֶעס חָרוּב; אַ סְבִיבָה פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֵיידֶל שְׁלֶעפְּט אַרָאפּ דִי אֵיידֶעלֶע פְרוֹי, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי טֶעכְטֶער; מֶען וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי סְבִיבָה, אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ גֵייִן אִין קָאנְטְרִי. עַל כֵּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען אִין אַ גוּטֶע סְבִיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דִי זוּמֶער נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים, דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דֶעם זוּמֶער אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז דוּ בִּיסְט דוּרְכְן וָואךְ אִין שְׁטָאט פַאר פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדֶע נַאכְט צוּ לֶערְנֶען, גֵיי אִין שׁוּל צוּ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה, פַארְבְּרֶענְגֶען נִישְׁט דִי נֶעכְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן זִיכֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵייִן צוּ שְׁלֶעכְטֶע

פְּלֶעצֶער, הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה וְכַדוֹמֶה, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין מוֹחִין צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר אַ שְׁטִיקֶל גְמָרָא - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מֶער אוֹיבֶּערְפְלֶעכְלִיךְ, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען. מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר, הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט עֶס מְסַיֵּים - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶכֶת שַׁבָּת.

דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גְרוֹיס, אוּן זוּמֶער זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען טָאג נָאךְ טָאג כַּךְ וְכַךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן רֵיין אוּן הֵיילִיג.

אַז דוּ הָאסְט חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זֵיי אָפְּצוּזָאגְן; פוּן אֵיין זַייט ווִילְסְטוּ נִישְׁט גֵיין, דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, דוּ וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ גֵיין וואוּ זֵיי גֵייעֶן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאסְטוּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת צוּ זָאגְן 'נֵיין', דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל דִיךְ אַרָאפְּקוּקְן, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט זַיין דֶער פְרוּמֶער; זָאלְסְטוּ מִיט חָכְמָה זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, "כִּי בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה" (מִשְׁלֵי כד ו), מִיט חָכְמָה דַארְף מֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע; לֶעשׁ אוֹיס דִי טֶעלֶעפָאן, גֵיי שְׁלָאפְן, אִינְדֶערפְרִי זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט פַארְשְׁלָאפְן, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיד וְכוּ'; אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן עֶרְלִיךְ, דוּ וֶועסְט אִיבֶּער קוּמֶען דִי נִסָּיוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי סְקוּל אִיז נִישְׁט קֵיין סְקוּל?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קֹרַח (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**מָרַת לֶעזֶער תְּחִיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פִּיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ אַ חֲשַׁד אַז אִין סְקוּל בֵּית פִּיגָא אִין שְׁטֶעטְל - אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לֵייגְט אַרַיין אַ שְׁטִילֶע גִיפְט צְווִישְׁן דִי טִיטְשֶׁערְס אַז אוּנְזֶער סְקוּל אִיז

נִישְׁט קֵיין סְקוּל, אֵיינֶער הֶעצְט שְׁטִילֶערְהֵייט, אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט פוּן עֶטְלִיכֶע דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער, אַז דִי סְקוּל אִיז נִישְׁט קֵיין סְקוּל, דִי פְּרִינְצִיפְּל אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרִינְצִיפְּל; דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוֹיף בֵּית פֵּיגָא סְקוּל פַאר בְּעֶרֶךְ צֶען יָאר צוּרִיק נָאךְ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט דִי גַאנְצֶע סְטֶע"ף, מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, זֵיי אַלֶע פְרֶעגְן פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען אִין בֵּית פֵּיגָא, אוּן אוֹיבּ זֵיי ווִילְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס אוּנְז ווִילְן. אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין אַרְבֶּעטֶערְס וָואס זֶענֶען אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב, אוּן אַז אֵיינֶער הַאלְט אַז דִי סְקוּל אִיז נִישְׁט קֵיין סְקוּל – אִיז דָא גֶענוּג פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ גֵיין טִיטְשְׁן, אִין בֵּית פֵּיגָא זָאלְן זַיין נָאר וָואס הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע צִיל וָואס מִיר הָאבְּן, אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת, אֱמוּנָה אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט דִי לִימוּדִים – אִיז אוֹיךְ גוּט, אוּנְזֶערֶע בַּאבֶּעס הָאבְּן קֵיינֶער פוּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט וָואס מֶען לֶערְנְט הַיינְט אִין סְקוּלְס, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת נָאכְן זֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן ווִי מֶען פַארְבְּרֶענְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, שְׁוֶועסְטֶער אוּן בְּרִידֶער, אוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען פוּן פְרִישׁ אַ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דָאס ווִיל אִיךְ מִיט בֵּית פֵּיגָא; אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן ווַייטֶער מַצְלִיחַ זַיין.

...

## פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אִין קַאנְטְרִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קַאנְטְרִי ׳אִילָן הַחַיִּים׳, דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דֶעם זוּמֶער אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס אִין ׳קַאנְטְרִי׳ אוֹיף שַׁבָּתִים, פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט בִּיז מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי וְכַדוֹמֶה – זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה. עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי קַאנְטְרִיס אִין דִי צַייטְן וָואס דִי מֶענֶער קוּמֶען אַרוֹיס אִין קַאנְטְרִי; אַנְשְׁטָאט אַהֵיים גֵיין צוּ דִי ווַייבּ – גֵייט מֶען מִיט חֲבֵרִים, מֶען אִיז אִינְדְרוֹיסְן גַאנְצֶע נֶעכְט; דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין עֶרְלִיכֶע זַאךְ, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַהֵיים, זַיי נִישְׁט בַּיי דִי נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים, פִיר זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

לָאז אָפּ חֲבֵרִים, חֲבֵרִים אִיז אַ דִמְיוֹן, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי חֲבֵרִים, ווִילַאנְג מֶען קֶען עֶפֶּעס הָאבְּן נוּצְן פוּן דִיר וֶועט מֶען דִיךְ נִיצְן, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען דִיךְ בַּאגְרָאבְּן, מֶען וֶועט דִיךְ אַוֶועק ווַארְפְן ווִי מֶען ווַארְפְט אַוֶועק דִי שָׁאלַאכְטְס פוּן אַ לֶעמָאן, מֶען וֶועט דִיךְ אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן, מֶען וֶועט דִיךְ אוֹיסְנוּצְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מֶענְטְשְׁן בַּאוֵויינֶען זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דִי חֲבֵרִים זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן בַּא׳גַנֶבְ׳עֶט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; הָאבּ שֵׂכֶל, נִיץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן רִיכְטִיג, נִיץ עֶס צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד פִירְט זִיךְ. גֵיי אַהֵיים צוּ דַיין ווַייבּ, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, לָאז נִישְׁט דִי שָׂטָן צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זַיין וָואס מֶער נֶעכְט אִין קַאנְטְרִי – זָאלְסְטוּ וָואס מֶער זַיין אִין שְׁטוּבּ, ווַייל עַל פִּי תּוֹרָה טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ, נָאר אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי ווַייבּ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דַיין ווַייבּ חַס וְשָׁלוֹם, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג), דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט מִיט אַלֶע וֶועגְן: "לְקַלְקֵל הַשְּׁלוֹם בַּיִת שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", ווִי עֶר קֶען צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מַאן אוּן ווַייבּ זָאלְן זַיין צֶעטֵיילְט, ווַייל אַזוֹי קֶען עֶר אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי ווַארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶער אוֹיף גֵיין אִין שְׁוִויץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח (חֻקַּת בא״י), ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל דוּ זָאגְסְט מִיר כְּסֵדֶר אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן וֶוען אִיךְ זֶע עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ וֶוען אִיךְ זָאג דִיר.

הֶער אוֹיף גֵיין אִין שְׁוִויץ, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ; וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אַן אַלְטֶער אִיד, נָאנְט צוּ דִי אַכְצִיג יָאר - דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין אִין שְׁוִויץ, יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן אוּן גֵיין אִין שְׁוִויץ.

מַאכְסְט זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אִין שְׁטֶעטְל, דוּ שְׁלֶעפְּסְט יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי אַ צְוֵוייטֶער אִינְגֶערְמַאן; אַז דִיר אִיז אוּמֶעטִיג (בָּאר״ד) אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין לִיבּ צוּ הָאבְן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל דִיר זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה.

לָאז דִי שְׁטֶעטְל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע פְּלַאץ וואוּ דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אָדֶער אִין שׁוּל, מֶען לֶערְנְט, אָדֶער אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּרִיוַואט מִיט דִי פַאמִילְיֶע אִין קַאנְטְרִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קַאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים, דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דֶעם זוּמֶער אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף

צוּ זַיין, און פַארבְּרֶענְג אִין קָאנְטְרִי מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, דַיין שָׁכֵן לָאז פַארבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ און זַיינֶע קִינְדֶער, מִישׁ נִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת, שְׁטוּפּ זִיךְ נִישְׁט אַרַיין דִי נָאז וואו דוּ גֶעהֶערְסְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יֶענֶעמְ'ס שְׁטוּבּ, אוֹיךְ נִישְׁט אִין יֶענֶעמְ'ס חָצֵר, פָּארְטְשׁ וְכַדוֹמֶה; אַז יֶענֶער עֶסְט נַאכְטְמָאל אִין זַיין חָצֵר – שְׁפַּאצִיר נִישְׁט אַרַיין צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן, לַאכְן – הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי וָואס זָאגְן: "עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט נָאר, מֶען לַאכְט נָאר, מֶען שְׁמֵייכְלְט נָאר, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט"; אוֹיף דֶעם זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (מִשְׁלֵי ו, כז): "הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה", קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְטְן פֵייעֶר אוֹיפְן שׁוֹיס און זַיינֶע קְלֵיידֶער וֶועלְן נִישְׁט פַארבְּרֶענְט וֶוערְן? "אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה", קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפַּאצִירְן אוֹיף בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן און זַיינֶע פִּיס זָאלְן נִישְׁט פַארבְּרֶענְט וֶוערְן? "כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ, לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ", דָאס זֶעלְבֶּע סוֹף וֶועט זַיין מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט: "מֶען שְׁמוּעֶסְט נָאר, מֶען פַארבְּרֶענְגְט, מֶען לַאכְט, מִיר טוּעֶן נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס"; מֶען וֶוערְט פַארבְּרֶענְט אִין גֵיהִנֹּם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַלֶעס וָואס דוּ מַאכְסְט און טוּסְט – זָאל זַיין פְּרִיוַואט מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דָאס הֵייסְט פְּרִיוַואט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, און גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארלִירְן אִין 'קָאנְטְרִי' דַיין גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט אוּמְזִיסְט פְּלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינֶען אוֹיף דִי וָואס פָּארְן אַוֶועק אִין 'קָאנְטְרִי', מֶען זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ דָארְט און מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען פָּארְט אַוֶועק פוּן שְׁטָאט, אָבֶּער מֶען פָּארְט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין און אַזוֹי גוּט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז עֶרְלִיךְ, דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, אַלֶע בְּרָכוֹת אִיז אִין שְׁטוּבּ, און אוֹי וֵויי אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם קָאפְּלְס, מֶענֶער און וַוייבֶּער, אוֹי וֵויי וָואס פַּאסִירְט, דִי שְׁכִינָה גֵייט אַוֶועק, און אַז דִי שְׁכִינָה אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ – קוּמֶען דִי מַזִּיקִים, עֶס קוּמְט צָרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי מוֹתְרוֹת, נִישְׁט בַּיי עֶרְלִיכֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט בַּיים קוֹיפְן דִי הוּט זָאלְסְטוּ מְצַמְצֵם זַיין, נִישְׁט דָארְט לִיגְט דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט; פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין זוּן גֵייט בַּר מִצְוָה הָאבְּן, טוּ אִים אָן אַ הוּט אוּן אַ רֶעקְל.

מַאךְ נִישְׁט קֵיין נַארִישֶׁע זַאכְן, קוֹיף פַאר דַיין בַּר מִצְוָה בָּחוּר אַ הוּט, מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין דַאשִׁיקְל, (בַּיי דִי עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת וָואס אַלֶע גֵייעֶן אַזוֹי אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ).

שְׁפָּאר דַיין גֶעלְט בַּיי מוֹתְרוֹת, בַּיי דִי טִישְׁטוּכֶער, בַּיי דִי בְּלוּמֶען, בַּיי זַאכְן וָואס אִיז אַ לַאו פוּן בַּל תַּשְׁחִית, אוּן בַּיי עֶרְלִיכֶע זַאכְן זָאלְסְטוּ נִיצְן דַיין גֶעלְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת מִיט דִי אֵייגֶענֶע פַאמִילְיֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים, דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דֶעם זוּמֶער אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ גֶעזוּנְטֶע

עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת – אִיז דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי קִינְדֶער, דָאס הַאלְט זֵיי, דָאס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְשְׁלֶעפְּט פוּן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים; דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת הָאבְּן אַ הִימְלִישֶׁע כֹּחַ, עֶס לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן אַ הֵיילִיגְקֵייט, דִי קִינְדֶער זֶעעֶן דֶעם טַאטְן זִיצְן אוֹיבְן אָן זִינְגֶען מִיט שִׂמְחָה זְמִירוֹת, אוּן דִי מַאמֶע זִיצְט וִוי אַ מַלְכָּה פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן; דָאס הַאלְט דִי מִשְׁפָּחָה, דָאס הַאלְט דִי דוֹרוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי שְׁטַארְק אִין זִינְגֶען שַׁבָּת דִי זְמִירוֹת, אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ בַּיי דִי סְעוּדוֹת, נִישְׁטָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶערְס פוּן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, פוּן זִינְגֶען בַּיי דִי סְעוּדוֹת זְמִירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת פוּן פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי וִוי דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן פִירְן זִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועהן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קֵיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן טוּעֶן נִישְׁט אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת; "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת – וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קד).

מַאךְ נִישְׁט סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט נָאךְ קָאפְּלְס, קֵיין שׁוּם גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם, אוּן אַז דִי 'קָאנְטְרִי' מַאכְט אַ שַׁבָּת אִינְאֵיינֶעם – זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט חָכְמָה אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, זָאלְסְט נִישְׁט מִיט הַאלְטְן אַזֶעלְכֶע פַּארְטִיס, "בְּנִי אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם" (מִשְׁלֵי א, טו), גֵיי נִישְׁט מִיט זֵיי, הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, אוּן בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין עֶרְנְסְט, אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זוּכְן וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן; זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט מַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט אַבִּי דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער בִּתְנַאי אַז דַיין שְׁטוּבּ אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ, נִישְׁטָא נָאךְ קָאפְּלְס. אוּן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר

זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּ אַ חַבֵר אִין שְׁטוּבּ אוֹיף סְעוּדוֹת, אוּן רוּף נִישְׁט דַיין חַבֵר צוּ דִיר. הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן נִישְׁט זַיין קֵיין אוֹיבֶּער חָכָם, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין שְׁטוּבּ זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ, אִיךְ ווִיל נָאר דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אָנְקוּמֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן אַז בַּיי עֶנְק אִין 'קָאנְטְרִי' אִיז דָא אַ קִידוּשׁ – זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרִינְקֶען קֵיין ווַיין אוּן בְּרוֹינְפְּן, קֵיין גוּטְס וֶועט פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, קֶענְסְט ווערְן לְלַעַג וּלְקֶלֶס פַאר דִי גַאנְצֶע קָאנְטְרִי, וֶועסְט זִיךְ ווַאלְגֶערְן אִין פֶעלְד, דִי קִינְדֶער וֶועלְן דִיךְ בַּאווַארְפְן, זֵיי וֶועלְן דִיךְ בַּאזִינְגֶען; ווָאס פֶעלְט דִיר עֶס אוֹיס... דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כו), אַז מֶען קוּמְט צוּ עֲבֵירוֹת דוּרְךְ טְרִינְקֶען, זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט טְרִינְקֶען קֵיין ווַיין אוּן בְּרוֹינְפְּן, נָאר צוּ קִידוּשׁ אוּן הַבְדָלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַהֵיימְקוּמֶען פוּן קֶעמְפּ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט ווען עֶנְק שִׁיקְן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ' אִין מֵיידְל קֶעמְפּ – זָאלְן עֶנְק זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג מִיט טְרֶערְן, אַז זִי זָאל אַהֵיים קוּמֶען פוּן קֶעמְפּ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, ווַייל אַסַאךְ עֶלְטֶערְן פַארְלִירְן דִי טֶעכְטֶער אִין 'מֵיידְל קֶעמְפּ'.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַאר דִי קִינְדֶער אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר דִי טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְווַאקְסְן עֶרְלִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): "'וְיִשְׁמְרֶךָ' בְּבָנוֹת", טֶעכְטֶער דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה צוּ בְּלַייבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל

וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְלֶעקְן דִי עֶרְד מִיט זַיין צִינְג (דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרִיק וִוי אֵיינֶער פַארְפִירְט אוּן וִויל עֶפֶּעס פוֹעֵל'ן) - "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיין עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קֵיין סַאךְ צַייט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, וֶוען עֶזְרָא הַסּוֹפֵר הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען אַז דִי עֵצָה פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִיז תְּפִלָּה - בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער זֵיי זָאלְן אַלֶע וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרַיינְשְׁרַייבְּן אַ קְלֵיין בְּרִיוֶועלֶע אִינֶעם סִידוּר אוּן תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

יֶעצְט וֶוען עֶנְק שִׁיקְן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ' אִין 'מֵיידל קֶעמְפּ' - זָאלְן עֶנְק אִיר מִיט שִׁיקְן אַ סִדּוּר מִיט אַ תְּהִלִּים, שְׁרַייבְּט אִיר אַ קְלֵיין בְּרִיוֶועלֶע אִינֶעם סִדּוּר אוּן אִינֶעם תְּהִלִּים אַז זִי זָאל זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; זִי זָאל בֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, מִיט עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִלּוֹת צוּ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ יְרֵא שָׁמַיִם; מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, מֶען קֶען אוֹיסְזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַלֶעס

אִיז פֵּיין און וואוֹיל, און אִינֶעוֵויינִיג אִיז מֶען שׂוֹין לֵיידֶער פַּארְפּוֹילְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, און נָאר מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

שַׁאצְט עֶנְק נִישְׁט אוּנְטֶער, אַפָּאר אֶמֶת'ע וֶוערְטֶער פוּן אַ טַאטֶע מַאמֶע קֶען רַאטֶעוֶוען דָאס קִינְד און אַלֶע אִירֶע דוֹרוֹת, ווייל וֶוען זִי וֶועט עֶפֶענֶען אִיר סִדּוּר וֶועט זִי נָאכְאַמָאל כַאפְּן אַ בְּלִיק אוֹיף דִי פָּאר אֶמֶתְ'עֶ וֶוערְטֶער וָואס עֶנְק הָאבְּן אִיר גֶעשְׁרִיבְּן פוּן הַארֶץ.

שְׁרַייבְּט אִיר אַז זִי זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִיר שְׁפְּרַאךְ, אִין מַאמֶע לָשׁוֹן, "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי גֶעבֶּעט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער טַאטֶע, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אִים און זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים אַזוֹי וִוי אַ קִינְד בֶּעט אַ טַאטֶע, שְׁרַייבְּט אִיר אַז לֵאָה אִמֵּנוּ הָאט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ עֵשָׂו און זִי הָאט נָאס גֶעמַאכְט אִירֶע אוֹיגְן מִיט תְּפִלָּה, זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט אַ מַאן אַן עֵשָׂו, אִיךְ וִויל אַ מַאן אַ יַעֲקֹב, אַ מַאן אַ צַדִּיק", און אַזוֹי אוֹיךְ מִיט קִינְדֶער; וָואס הָאט רִבְקָה גֶעטוּן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז זִי קֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער? זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ ווינְקֶל פוּן שְׁטוּב מִיט אַ סִדּוּר אוֹיפְן פָּנִים און גֶעוֵויינְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר קִינְדֶער" - בִּיז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, און אַזוֹי הָאבְּן אַלֶע אִמָּהוֹת גֶעטוּן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טָאכְטֶער טוּן - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אוּנְטֶערְגְרָאבְּן בֵּית פֵּיגָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לְפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ', תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא**

אַז אִיר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער צוּ חִינוּךְ וִוי מִיר, אִיר וֵוייסְט אַז דִי סְקוּל אִיז

נִישְׁט קֵיין סְקוּל אוּן דִי מְנַהֶלֶת טוֹיג נִישְׁט - וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע עֵצָה אִיר זָאלְט עֶפֶענֶען נָאךְ אַ סְקוּל אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן, אָבֶער מַיין סְקוּל בֵּית פֵיגָא, מַיין שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע - זָאלְט אִיר נִישְׁט אוּנְטֶערְגְרָאבְן, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעבּוֹיט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, דָאס פִיר אִיךְ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט זַיין גֶעטְרֵייעָ, הֶעלְפְן בֵּית פֵיגָא, אוּן זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת. אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ פוּן בֵּית פֵיגָא זָאלְט אִיר רֶעדְן נָאר מִיט דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט, בַּאצָאלְט מֶען גֶעפֶערְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

יֶעצְט וֶוען עֶנְק שִׁיקְן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ' אִין מֵיידְל קֶעמְפּ זָאלְן עֶנְק רֶעדְן צוּ אַייעֶר טָאכְטֶער זִי זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט בַּאצָאלְט מֶען גֶעפֶערְלִיךְ; וַוייְזְט אִיר דֶעם בְּרִיוו, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִי זָאל לֵיינֶען דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּאר שׁוּרוֹת אֵיידֶער זִי פָּארְט אִין 'מֵיידְל קֶעמְפּ':

עֶס אִיז דָא מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי כִּמְעַט אַלֶע סְקוּלְ'ס, וואו עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע מֵיידְל, וָואס דִי קְלַאס הָאט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט מִיט שְׁפִּילְן, רוֹב פוּן אִירֶע יָארְן אִיז זִי גֶעזִיצְן אַלֵיין אָן קֵיין חַבֶר'טֶעס, אוּן וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט - הָאט מֶען אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אוּן יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, אוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה לַיידְט, אַ טֵייל זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אַלְטֶע מֵיידְלֶעךְ, אַ טֵייל הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִיךְ גֶע'גֶט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַ טֵייל הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, אוּן אַ טֵייל מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם, אוּן נָאכְן מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת: 'וָואס גֵייט דָא פָּאר? וִוי קֶען זַיין אַ גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל אַזוֹי

לַיידְן ?' הָאט מֶען זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז מֶען הָאט דָא פַארְגָאסְן בְּלוּט אַלֶע אוּנְזֶערֶע יָארְן פוּן דִי מֵיידְל, אוּן יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס מֶען שְׁטְרָאפְּט אוּנְז אוֹיף דֶעם; אַמָאל אִיז שׁוֹין נִישְׁט שַׁיָיךְ אֲפִילוּ אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן, וַוייל אַז מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דִי קִינְדֶער יָארְן מִיט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט, ווִי אִיז אֲפִילוּ שַׁיָיךְ אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן ? אוּן מֶען לַיידְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר בִּיטֶער.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ מֵיידְל, אוּן אַז מֵיידְלֶעךְ מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט, מֶען נֶעמְט זִיךְ אוֹיף אַ נֶעבֶּעכְדִיג קִינְד - זָאלְט אִיר נִישְׁט לָאזְן רִינֶען אִיר בְּלוּט, אִיר זָאלְט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִיר, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְזוּכְן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין חַבֵר'טֶעס, דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען פוּן פָּשׁוּטְ'ע שְׁטִיבֶּער, וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָנְגֶעטוּן מִיט דִי טַייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער - אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, דָאס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְגֶענִיגְן, "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב" (תְּהִלִּים לד, יט), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר אוֹיךְ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁווִימֶען מִיט אֵיידְלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

יֶעצְט וֶוען עֶנְק שִׁיקְן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ' אִין 'מֵיידְל קֶעמְפּ' זָאלְן עֶנְק אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי מֶען שְׁווִימְט אֵיידְל, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי טֶעכְטֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל, וַוייל דֶער לַאנְגֶער גָלוּת אִיז גוֹרֵם (תְּהִלִּים קו, לה): "וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם", מֶען לֶערְנְט זִיךְ פוּן דִי גוֹיִם, מֶען גֵייט אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן; לֶערְן דַיין שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער - מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם שְׁווִימֶען מִיט אַ בֶּעדִינְ"ג סוּ"ט, נָאר שְׁווִימֶען מִיט אַ שְׁווִים

קְלֵייד וָואס אִיז עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, וַוייל אֲפִילוּ אַ מֵיידְל צְוִוישְׁן מֵיידְלֶעךְ אוּן אַ פְרוֹי צְוִוישְׁן פְרוֹיעֶן - דַארְף אוֹיךְ זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז אַלֵיין אִין אַ סְוִוימִינְג פּוּל, מֶען אִיז אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ - דַארְף מֶען זַיין הֵיילִיג אוּן אֵיידְל, אוּן אַז מֶען אִיז אֵיידְל - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת׳דִיג - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

אַז דוּ וִוילְסְט דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג, זָאלְסְטוּ שֶׁעצְן דַיין וַוייבְּ׳ס צְנִיעוּת; אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַ גוּטֶע מִנְהָג, זִי הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ גֵיין אַ גֶעוִויסֶע וֶועג, אֵיידְל - זָאלְסְטוּ אִיר מַחְשִׁיב זַיין, אִיר אוֹיסְרִימֶען, דֶעמָאלְט וֶועלְן דַיינֶע טֶעכְטֶער אוֹיךְ וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוּנְטֶער לַאכְן פוּן אִירֶע גוּטֶע מִנְהָגִים, דוּ וֶועסְט שְׁפֶּעטְן פוּן אִיר, דוּ וֶועסְט שְׁפֶּעטְן פוּן דִי רַבָּנִים וָואס לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אוּן זֵיי וֶועלְן גֵיין אַ טְרֶעפְּל וַוייטֶער פוּן דִיר, זֵיי וֶועלְן לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן אַלֶעס; פְרַייא זִיךְ אַז דַיין וַוייבּ וִויל זַיין גוּט, זִי זוּכְט גוּטֶע קַבָּלוֹת, זַיי אִיר מְחַזֵּק, אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער אַז זִי אִיז אֵיידְל, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִּיקִים. וַוייל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין אִיסְטַאנְבּוּל הָאט עֶר גֶעזֶען קִינְדֶער מִיט גָאר הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, עֶר הָאט גֶעזֶען זֵיי הָאבְּן נְשָׁמוֹת פוּן תְּנָאִים, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס וָואס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידְל אוּן פִירְן זִיךְ זֵייעֶר בִּצְנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט עֶנְק גֶעזָאגְט אַבִּיסְל צוּ וַוארְטְן וְכוּ׳, וַוייל זִי אִיז יֶעצְט אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן דוּ בִּיסְט נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז זִי דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דַיין וַוייבּ אִיז יֶעצְט אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳ – זָאלְסְטוּ אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת: ׳וָואס קוּמְט מִיר אַזַא וַוייבּ?׳ אוּן דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם אִיר טְשֶׁעפֶּען. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת וְכוּ׳, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵיי אִיבֶּער, דִי פְרוֹי אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, מִיט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועְן, אוּן דֶער מַאן אִיז אַרַיין אִין אַ נֶעפְּל, אַ וָואלְקְן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִין זַיין מֹחַ הַשֵּׁם יְרַחֵם, אַרַיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ; צְוֵויי זַאכְן זָאלְסְטוּ טוּן אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן, לָאז אִיר רֶעדְן, הֶער אוֹיס אִירֶע וֵוייטָאג, אִירֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן בַּארוּאִיג אִיר; זָאג אִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֵוייךְ, אֵיידְל אוּן שֵׁיין: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן – עֶר וֶועט אוּנְז הֵיילְן", צְוֵוייטְנְס, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳; דָאס לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳ נֶעמְט אַוֶועק דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִי עַצְבוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין גֶעזוּנְט, פַאר דַיין וַוייבְּ׳ס גֶעזוּנְט אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וואו זיך אָפְּגֶעבְן מִיט דִי קִינְדֶער?**

**מֶען פְרֶעגְט פוּן דִי מוֹסָד בֶּעבִּיסִיטִינְג:**

פַּאר מַאמֶעס וָואס קֶענֶען נָאר גֶעבְּן צוּ זֵייגְן פַּאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין אַ שְׁטִילֶע טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, אִיז עֶס אַ פְּרָאבְּלֶעם גֶעבְּן צוּ זֵייגְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

נִישְׁט גֶעבְּן צוּ זֵייגְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא.

...

**רֶעדְן צוּ דִי טֶעכְטֶער אֵיידֶער זֵיי גֵייעֶן אִין קֶעמְפּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אֵיידֶער עֶנְק שִׁיקְן אַייעֶר טָאכְטֶער אִין ׳מֵיידְל קֶעמְפּ׳ - זָאלְן עֶנְק רֶעדְן צוּ אִיר פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט, עֶנְק צָאלְן אַוֶועק פַּאר דִי טָאכְטֶער צוּ גֵיין אִין ׳מֵיידְל קֶעמְפּ׳ טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אוּן חַס וְחָלִילָה אוֹיב מֶען וֶועט אִיר נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז אִיר צָאלְט יֶעצְט אַיינְגַאבֶּע (דִיפָּאזִיט) פוּן דְרַיי פִיר טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס וֶועט אַייךְ קָאסְטְן שְׁפֶּעטֶער בַּיי אִיר לֶעבְּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, וַוייל דִי רַבָּנִים אוּן דִי מוּמְחִים זָאגְן אַלֶע אַז דִי גִּיטִין וָואס גֵייט פָאר בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אַ תוֹצָאָה פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין קֶעמְפּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט הַאלְטְן דִי טֶעכְטֶער אִין שְׁטוּב בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער - וָואלְט זִיכֶער בֶּעסֶער גֶעוֶוען.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין גְרִינְג, דוּ וֶועסְט זוּכְן תֵּרוּצִים נִישְׁט צוּ רֶעדְן, דוּ וֶועסְט זָאגְן: ״עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, מַיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶענוּג קְלוּג״, מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע תֵּרוּצִים.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אִיךְ בֶּעט דִיר הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַלֵיין, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, זַיי נִישְׁט וִוי דִי בַּת הַיַּעֲנָה

וָואס וֶוען דֶער בֶּער קוּמְט – בֵּייגְט זִי אַרַיין דִי קָאפּ אִין דִי עֶרְד אוּן שׁוֹין, מֶער אִיז נִישְׁטָא קֵיין בֶּער, אוּן מֶער דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן בֶּערְן, בִּיז דֶער בֶּער פַארְצִיקְט אִיר; וָואלְסְטוּ גֶעהֶערְט וָואס דִי רַבָּנִים אוּן דִי מוּמְחִים וָואס פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, וָואס זֵיי זָאגְן אוּן הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, וִוי וֵוייטָאגְלִיךְ דָאס אִיז הַשֵּׁם יְרַחֵם, מֶען ווִיל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה ווִיל מֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, דִי קָאפּ אִיז פַארְדְרֵייט, מֶען ווִיל צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן אַז מֶען וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט צוּם קִינְד זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט – וָואלְט מֶען אַלֶעס גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיפְצִיעֶן דִי טֶעכְטֶער עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין טָאכְטֶער הָאט חֵשֶׁק צוּ בְּלַייבְּן זוּמֶער מִיט דִי מַאמֶע – זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט אִיבֶּער רֶעדְן צוּ גֵיין אִין ׳מֵיידְל קֶעמְפּ׳, וַוייל דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ מֵיידְל – אִיז אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי מַאמֶע, מוֹהֲרָא״ש הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן שִׁיקְן אִין ׳קֶעמְפּ׳, דִי ׳מֵיידְל קֶעמְפּ׳ הָאט מֶען גֶעמַאכְט פַאר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שְׁטוּבּ וואוּ צוּ זַיין, אוּן אַז דַיין טָאכְטֶער ווִיל זַיין אִין שְׁטוּבּ – אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעזוּנְט; זִי וֶועט הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, וָואס קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן.

פַארְלַאנְג פוּן דַיינֶע טֶעכְטֶער צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ; מֶען וֶוערְט נִישְׁט קֵיין גוּטֶע טַאטֶע וֶוען מֶען גֶעבְּט נָאךְ דִי טֶעכְטֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין טָאג אוּן נַאכְט מִיט חַבֶר׳טֶעס, דִי קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דִי מַאמֶע – קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, דִי

דַארְפְן זִיצְן רוֹב פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן בַּיי דִי טֶערָאפִּיסְטְן; ווִי מֶער מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן – אַלְץ מֶער גֶעזוּנְט וואקְסְן זֵיי, נָאכְן חֲתוּנָה וֶועלְן זֵיי קֶענֶען פִירְן אַ שְׁטוּב, וַואשְׁן וֶועשׁ, וַואשְׁן גֶעשִׁיר, צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּיבּ אוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען קִינְדֶער.

זָאלְסְט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֵיי אוֹיסְרִימֶען, אָבֶּער גֶעבּ זֵיי נִישְׁט קְרַאנְקְשַׁאפְט, נָאכְגֶעבְּן פַּאר דִי קִינְדֶער אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, נָאכְגֶעבְּן דִי קִינְדֶער, זֵיי לָאזְן גֵיין וואוּ זֵיי ווִילְן, זֵיי גֶעבְּן וָואס זֵיי ווִילְן – דָאס אִיז קְרַאנְקְשַׁאפְט, דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת; דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, זֵיי זִיצְן רוֹב פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן בַּיי טֶערָאפִּי; אַ גוּטֶע טַאטֶע, אַ גוּטֶע מַאמֶע – פַארְלַאנְגְט וָואס מֶער פוּן דִי קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מַחְלִיט וָואס אִיז צְנִיעוּת'דִיג אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט אַסַאךְ אוֹיסְרִימֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס צוּ טוּן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אִין קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דַיין טָאכְטֶער אַז אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט וָואס זִי הָאט; אִין קֶעמְפּ גֶעבְּט מֶען פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ פְּרַייעֶ צַייט – זָאל זִי יֶעדְן טָאג טוּן צְוֵויי זַאכְן, זִי זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן אַ אִיד, צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, גֶעדֶענְקֶען אַז: "וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס טוּט אַלֶעס, הָאט גֶעטוּן אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן; נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, נִישְׁטָא קֵיין מִקְרֶה אוּן מַזָּל, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פוּן דִי וֶועלְט אִיז אֱלֹקוּת, דִי וֶועלְט אִיז אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען חַזֶר'ט דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט דִּי אֲנִי מַאֲמִין'ס אַפָּאר מָאל אַ טָאג, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט זָאגְן כַּמָּה פְּעָמִים אַ טָאג דִּי אֲנִי מַאֲמִין'ס, עֶר פְּלֶעגְט דָאס זָאגְן מִיט אַ פַּייעֶר אוּן אַ בְּרֶען, מִיט דִּי טַייטְשׁ.

אוֹיךְ זָאל זִי זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, זִי זָאל זָאגְן וויפִיל זִי קֶען, אוֹיב זִי קֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים' - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אַזוֹי וֶועט זִי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן אַז זִי קֶען נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי סַאךְ - זָאל זִי זָאגְן יֶעדְן טָאג וויפִיל זִי קֶען; פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ אָדֶער צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, זַיי אִיר מְחַזֵּק אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז דֶער תְּהִלִּים אִיז גֶעמַאכְט נָאר וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, אוּן נָאר וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט מֶער אַ וֶועג, דִּי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט פוּן תְּהִלִּים; עֶס אִיז אַ טָעוּת, תְּהִלִּים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג זָאגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג), אַז תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן אוּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; נָאךְ זָאגְט דֶער רַבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח) תְּהִלִּים אִיז אַ מִשְׁעֶנֶת, אַן אוּנְטֶערְלַאנֶער, אַזוֹי ווִי אַ שְׁטֶעקְן פַאר עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען גֵיין; דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים הָאט מֶען כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער נָאר מִיט דִּי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

זַייט נִישְׁט קְלוּגֶער ווִי דִּי תּוֹרָה, זַייט נִישְׁט קְלוּגֶער ווִי דִּי צַדִּיקִים, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען אִין שׁוּל, אִין סְקוּל, וְכַדּוֹמֶה - בְּפְּרִיצוּת; פְּרִיצוּת פַארְטְרַייבְּט דִּי שְׁכִינָה.

אִיבֶּער דִּי טַעֲנָה אַז אַזוֹי וֶועט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ מְקָרֵב זַיין דִּי פְרוּיעֶן אוּן

מֵיידְלֶעךְ; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נִישְׁט נָאר מֶען וֶועט זֵיי נִישְׁט מְקָרֵב זַיין, נָאר מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן פַּארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה.

זַייט נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן צַדִיקִים, אִיר אַלֵיין גֶעדֶענְקְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי וַוייבְּל ... וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן יוֹם הַקָדוֹשׁ נָאךְ שַׁחֲרִית: "זָאג פַּאר דַיין וַוייבּ אַז זִי קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט קוּרְצֶע קְלֵיידֶער", מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיךְ גֶעוואוּסְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן אוּן אַוֶועק גֵיין, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, וַהֲוָה מַה דַהֲוָה; דָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעטוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג עַל פִּי תּוֹרָה, אַז אִין אַ שׁוּל טָאר מֶען נִישְׁט קוּמֶען בִּפְרִיצוּת, אִין שׁוּל קוּמְט מֶען אֵיידְל. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס וֵוייטָאג, אַז אֲפִילוּ דִי פְּרֵייעֶ וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן דִי תּוֹרָה, וֶוען זֵיי קוּמֶען אִין שׁוּל צוּ אַ בְּרִית פוּן אַן אֵיינִיקְל, פוּן אַ קִינְד וָואס הָאט חוֹזֵר גֶעוֶוען בִּתְשׁוּבָה - קוּמֶען זֵיי מִיט צְנִיעוּת, אוּן נֶעבֶּעךְ בַּיי אוּנְז וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל.

אִיךְ הָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג הַבָּאִים עָלֵינוּ לְטוֹבָה צוּ מַאכְן אַ תַּקָנָה אִין אוּנְזֶער שׁוּל אַז מֶען זָאל קוּמֶען מִיט אַ צוּגֶעדֶעקְטֶע שֵׁייטְל, אַזוֹי וִוי אִין אַלֶע עֶרְלִיכֶע קְהִלוֹת, אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער וָואס גֶעהֶערְט צוּ דִי קְהִילָה, וִוי לְמָשָׁל דִי בַּאזַאר, וואוּ פְּרוֹיעֶן קוּמֶען וואלֶענְטִירְן, מְסַדֵר זַיין דִי קְלֵיידֶער, מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַאר בִּילִיג - זָאלְן זַיין פְּרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ אִיד גֵייט, אוּן אַז מֶען דַארְף מְקָרֵב זַיין אַ פְּרוֹי וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' - קֶען מֶען אִיר רוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער זִי קֶען נִישְׁט קוּמֶען פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה פוּן דִי בַּאזַאר וְכַדוֹמֶה.

אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ פוּן מְקָרֵב זַיין, אִיךְ ווִיל אַלֶע מְקָרֵב זַיין, אוּן אִיךְ בִּין עוֹסֵק אִין דֶעם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; מַיין גַאנְצֶע טָאג גֵייט מִיר אַרִיבֶּער מִיט דִי מַחֲשָׁבָה: 'וִוי מֶען קֶען נָאר צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ בָּחוּר, נָאךְ אַ מֵיידְל', אָבֶּער דָאס קֶען נָאר גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען טְרֶעט אָפּ אֵיין טְרִיט פוּן דִי תּוֹרָה - אִיז בִּיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְן דַאוֶוענֶען דִי דְרַייִ תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - מִיט מִנְיָן.

שְׁפְּרִינְג אַרַיין אִין שׁוּל, טַאנְץ אַרִיבֶּער דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, וַוייל נָאר אַז מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת - הָאט מֶען אַ שְׁמִירָה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אָפְּצוּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַזוֹי אִים אִינְגַאנְצְן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

רֶעד נִישְׁט קֵיין נִיבּוּל פֶּה, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִיר נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, הָאבּ נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לג.), אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אוּן אַמָאל אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶע׳חַתְמ׳עֶט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, אָבֶּער דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה צֶערַייסְט מֶען דִי גוּטֶע גְזֵירָה, ״גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק״, אוֹיךְ דֶער וָואס הֶערְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן שְׁוַוייגְט - בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ אַלֶע צָרוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל פַארְן זוּמֶער, אַ מְחַיֶ׳ צוּ זִיצְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זִיךְ גְרֵייטְן פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג הַבָּאִים עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פָארְן קַיין אוּמַאן מִיט לוּפְטְהַאנְזַא עֶירְלַיין?**

**אַ אִינְגֶעוְרְמַאן פְּרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן צִי אִיךְ מֶעג פָארְן קַיין אוּמַאן מִיט לוּפְטְהַאנְזַא עֶירְלַיין?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

**יָא.**

...

**קוּקְן אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת וִוי דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע נְכָסִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, גְלַייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז נָאר לְטוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט פָארְאוֹיס זֶען וָואס, וֶוען אוּן וואוּ, עֶס זֶעט אוֹיס נִישְׁט גוּט, אוּן אַמָאל אִיז עֶס גָאר שְׁוֶוער - דַארְף מֶען גְלַייבְּן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

הֶעלְף מִיר מִיט דִי מוֹסְדוֹת אִין שְׁטֶעטְל, אִין אָפִּיס אִיז דִי מַצָּב אַבִּיסְל אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט; הַלְוַואי אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן מְחַזֵּק זַיין דִי אָפִּיס, הַלְוַואי וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת וִוי דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע נְכָסִים; דָאס אִיז דָאךְ טַאקֶע דַיינְ'ס, דַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין דִי מוֹסָד, דַארְף דִיר דָאס פֶּערְזֶענְלִיךְ אָנְגֵיין.

הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, גֶעבּ אִיבֶּער דַיין טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב).

...

## אִיךְ זָאג דִיר, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו

**לִכְבוֹד...**

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן צַעַר, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען און דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג; אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַאכְן צַעַר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶער אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן אִים, נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים.

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, מִי יִתֵּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים" און אַרַיינְפְלֶעכְטְן צְווִישְׁן דִי פְּסוּקִים דַיינֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, און דַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט און וָואס עֶס דְרִיקְט דִיר.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פַארְקֶערְט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶעם וֶועם מֶען קֶען שְׁרַייבְּן קְלָארֶע וֶוערְטֶער - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן גַּדְלוּת הַמּוֹחִין; דִי וָואס זֶענֶען בְּקַטְנוּת הַדַּעַת - דִי קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן וְכוּ'.

...

## אַלְס חָתָן אִיז גָאר אַ גוּטֶע צַייט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו

לִפְרָט קָטָן

**הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב חָתָן צוּ דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, און דִי שִׁידוּךְ זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק.

יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַ חָתָן אִיז גָאר אַ גוּטֶע צַייט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, נֶעם זִיךְ צַאם, מַאךְ זִיךְ אַ פְּלַאן צוּ עֶנְדִיגְן צוּ דַיין חֲתוּנָה שַׁ"ס, און

אוֹיף סִפְרֵי רַבֵּינוּ; יֶעצְט הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט קֵיין דַאֲגָה פוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, דַאוֶונעְן אוּן לֶערְן אַפָּאר שָׁעָה שָׁעָה דַיינֶע שִׁיעוּרִים, טוּ גָארְנִישְׁט אֵיידֶער דוּ דַאוֶוענְסְט שַׁחֲרִית אוּן דוּ לֶערְנְסְט חוּמָשׁ - פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; מִשְׁנָה - אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן; גְמָרָא - אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא; הֲלָכָה - שֻׁלְחָן עָרוּךְ; מִיט סִפְרֵי רַבֵּינוּ.

דַיין לֶעבְּן וֶועט וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען זַאט אוּן צוּפְרִידְן, מֶען זוּכְט נִישְׁט נָאךְ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, תּוֹרָה מַאכְט גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט - דִי יְשִׁיבָה, דִי קֶעמְפְּס וְכוּ'; בְּלַייבּ דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

...

## דִי פַארְהֶער אִיז נָאר מְחַזֵּק צוּ זַיין, נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי בְּחִינוֹת אִין כּוֹלֵל אִיז נָאר לְחַזֵּק, צוּ זֶען אַז מֶען קֶען אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אוּן צוּ קֶענֶען גֵיין וַוייטֶער צוּם קוּמֶענְדִיגְן סִימָן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶוערְסְט צֶעדְרִיקְט פוּן דִי בְּחִינוֹת, עֶס צֶעדְרִיקְט דַיין מֹחַ - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעדְרִיקְן; דַארְפְסְטוּ דָאס נִישְׁט מַאכְן.

לֶערְן אָן קֵיין לַחַץ, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן יָא קֶענֶען, נִישְׁט קֶענֶען, פוּן יָא מַצְלִיחַ זַיין זִיךְ צוּ פַארְהֶערְן, בַּאקוּמֶען דִי הוֹרָאָה אָדֶער נִישְׁט, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם, לֶערְן מִיט דִי מַחְשָׁבָה פוּן טוּן דֶעם רָצוֹן ה' וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען, דִי מִסְגֶּרֶת הַכּוֹלֵל אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ הֶעלְפְן לֶערְנֶען, נִישְׁט צוּ צֶעקְוֶועטְשְׁן, צֶעדְרִיקְן דִי מֹחַ.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט און וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן די זִיסְקֵייט פון די תּוֹרָה, און נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

...

## נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת און פַאר קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט נַחַת בַּיי די קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ.

וֶוען די אַרְבֶּעט וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, און וֶוען זַאכְן זֶענֶען צֶעפָּארְן, נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן - אִיז די עֵצָה זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אִיבֶּער גֶעבְן די טָאג מִיט אַלֶעס וָואס דַארְף וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט, און אַזוֹי וֶוערְן אַלֶע זַאכְן מְסוּדָר, מֶען אִיז מַצְלִיחַ מִיט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

דָאס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, און דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטוּן אַלֶע זַיינֶע יָארְן; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן, מוֹהֲרַא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַלֵיין; וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן אַזוֹי טוּן.

נָאכְאַמָאל יְיַשֶׁר כֹּחַ, און נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְט אַייךְ; דֶערְמַאנְט אַייךְ אַלֶע שְׁוֶוערֶע זְמַנִּים זַייט די מוֹסָד שְׁטֵייט, און בִּיז אַהֶער אִיז מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, און וַוייטֶער וֶועט אוֹיךְ זַיין נִיסִים.

...

**מֶעג אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען חָכְמַת הַיָּד וְהַפַּרְצוּף**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע נֵייגוּנְג אוּן נֵייגֶער צוּ קֶענֶען אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן חָכְמַת הַיָּד וְהַפַּרְצוּף, מֶעג אִיךְ זִיךְ דָאס לֶערְנֶען?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, סִפְרָא, סִפְרִי, מְכִילְתָּא, תּוֹסֶפְתָּא, פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקּוֹדֶשׁ, זוֹהַר חָדָשׁ, תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אוּן סִפְרֵי רַבֵּינוּ.

...

**גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס גֶעבְּן זֵייעֶר מֹחַ אוּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו

**מַיין טַייעֶרֶער בֶּערְל נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט הַיינְט אִין חֵדֶר בַּיי דִי "חוּמָשׁ סְעוּדָה", אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי נָאנְט, גֶעזֶען אַבִּיסְל דַיין אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט וִוי דוּ הָאסְט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן יֶעדְן קִינְד וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ וֵוייס אַז דִי אַרְבֶּעט דַיינֶע אִיז אַ שְׁוֶוערֶע; יֶעדֶער מְלַמֵּד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יָארְן אַ מְלַמֵּד, אוּן אוֹיךְ יֶעצְט בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד פַאר בָּחוּרִים, דִי אַרְבֶּעט אִיז שְׁוֶוער, אָבֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער - עֶס לוֹינְט, עֶס לוֹינְט דִי אַרְבֶּעט זָאל גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ ווּאוּ עֶס בְּלַייבְּט; נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ, וִוי שְׁוֶוער מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן, הָאסְט נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס, מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן דִי פְּלָאג גֵייט צוּם רוּחַ, עֶס בְּלַייבְּט נֶעבֶּעךְ גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, מֶען קֶען זֶען אִין אַלֶע שׁוּלְן עֶלְטֶערֶע אִידְן וָואס הָאבְּן שׁוֹין רִיטַייעֶרְט, זֵיי זִיצְן אִין שׁוּל מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, זֵיי קוּקְן צוּרִיק, זֵיי פְרֶעגְן זִיךְ אַלֵיינְס: 'פַארְוָואס? פַאר וֶוען? פַארְוֶועם?

וָואס הָאבְּן מִיר גֶעטוּן אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן ?' מַה שֶּׁאֵין כֵּן אַ מְלַמֵּד, מַגִּיד שִׁיעוּר וְכַדוֹמֶה, אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אַלֶע יָארְן מִיט תַּלְמִידִים - דָאס בְּלַייבְּט, דָאס אִיז נִצְחִיּוּת, דִי אַלֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - אִיז דָאס אוֹיפְן זְכוּת פוּנֶעם מְלַמֵּד.

שְׁטַארְק זִיךְ, לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ, דַיין כֹּחַ, דַיינֶע טַאלַאנְטְן - אִין חִינוּךְ הַבָּנִים, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ פְּלֶענֶער, זַאכְן וָואס אִיךְ וִויל אוֹיסְפִירְן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיךְ דַארְף נָאר הָאבְּן הִילְף פוּן גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גְרֵייט צוּ גֶעבְּן זֵייעֶר מֹחַ אוּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער.

...

## אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אֵיינִיג אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ פִירְן דֶעם זוּמֶער תשפ"ו אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא דִי פְּרָאגְרַאם פוּן דִי דֶע"י קֶעמְ"פּ, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל אַז דִי זוּמֶער זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מִיט הַצְלָחָה, אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת, אַלֶע זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אַלֶע זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אֵיינִיג אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ צַייט וָואס זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַנֶערְקֶענוּנְג, אוּן טוּט מִיר אַ טוֹבָה, זוּכְט אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס מֶען בַּאמֶערְקְט זֵיי נִישְׁט, דִי קִינְדֶער וָואס לְעֵת עַתָּה שַׁיינֶען זֵיי נִישְׁט אַרוֹיס, זֵיי זָאלְט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן, זֵיי זָאלְט אִיר מַאכְן מֶעכְטִיג וְכוּ'.

בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט אוּנְזֶער "בֵּית פֵּיגָא" זָאלְט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

## לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶועק זִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו דִיךְ אוֹיפְצוּפְּרִישְׁן; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶועק זִיךְ אוֹיף, זֶע אַז דַיינֶע שֵׁיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, זֶע יֶעדְן טָאג צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, גֵיי אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, גֵיי אִין שׁוּל מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, גָארְנִישְׁט זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַז דוּ בִּיסְט שְׁפֶּעט, דוּ דַארְפְסְט לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ עֶרְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל, אֲפִילוּ מֶען דְרִיקְט דִיר וְכוּ', טְרַאכְט וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטֵייט אוֹיף אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט אוּן רוּפְט הַצָּלָה, מֶען טְרָאגְט אִים אִין שְׁפִּיטָאל, וָואס טְרַאכְט עֶר וֶועגְן דִי אַרְבֶּעט? וָואס פַאר אַ חֶשְׁבּוֹנוֹת לוֹיפְן אִין זַיין קָאפּ? עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ: 'אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ וִויל לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט', אַזוֹי דַארְף אַ אִיד טְרַאכְטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי: 'אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ אִיד'.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וַוארְף אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן, דִי קְלִיפֶּס, דִי סְטֶעטוּס; דָאס קִילְט דִיךְ אָפּ פוּן דַיין תְּמִימוּת, דָאס נֶעמְט דִיךְ אַוֶועק פוּן הִתְקָרְבוּת לְרַבֵּנוּ, אוֹיךְ פוּן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. קוֹיף זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן; וֶועסְט פְּרִישׁ מְקוֹרָב וֶוערְן, וֶועסְט צוּרִיק הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, דִי סְמַארְטְפָאוֹן נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קֶענֶען טְרַאכְטְן גְרָאד, פוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט.

אִיךְ בִּין זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָא קֵיין אִימֶעיל, אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאן, אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיין טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיר עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן אָדֶער פְרֶעגְן - שְׁרַייבּ מִיר אַ בְּרִיוו, אַזוֹי וִוי אִין דִי אַמָאלִיגֶע צַייטְן, אָדֶער קוּם אַרוֹיף רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים.

...

## נָאךְ אַ טָאג אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית אוּן תְּפִילִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא״י), ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְן אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אָנְצוּטוּן טַלִית אוּן תְּפִילִין, דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי אַ טֶענְצְל נָאךְ שַׁחֲרִית אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ אַ טָאג אָנְצוּטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית אוּן תְּפִילִין; נָאר דָאס וֶועלְן מִיט מִיט נֶעמֶען, נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], עֶס נֶעמְט פִינְף צֶען מִינוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא), צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ טוּן, נָאר וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מֶען זָאל זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ - וֶועט שׁוֹין זַיין מְנִיעוֹת, עֶס וֶועט זַיין נִישְׁט גְרִינְג; דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אַיינְגֶעפִירְט אִין אַלֶע שׁוּלְן פוּן ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ אַז גְלַייךְ נָאךְ עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ זָאגְט מֶען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס אִיז אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוֹיף כְּלָלִיוּת חֲטָאִים, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה אָן קֵיין פְּלָאג (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כט).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, דָאס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע בְּלָאטֶעס, הָ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ״ה, דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גֵיהִנֹּם, פוּן דֶעם טִיפְן שְׁאוֹל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פְּרִיוַואטֶע שֶׁעמֶעדִיגֶע זַאכְן, שָׁלוֹם בַּיִת אוּן חוֹבוֹת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (בָּלָק בא"י), ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו**
**לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּאנוּץ זִיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה, גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר, שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוֹיךְ זַאכְן וָואס מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, פְּרִיוַואטֶע שֶׁעמֶעדִיגֶע זַאכְן, שָׁלוֹם בַּיִת זַאכְן, חוֹבוֹת וְכוּ'.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיב דוּ וֶועסְט דָאס טוּן טֶעגְלִיךְ; יֶעדְן טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:), אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי אַז עֶר הָאט נִישְׁט מֶער קֵיין גֶעפִיל צוּ זַיין וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין חֵן - לִיבְּשַׁאפְט; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דִי נָאמֶען פוּן דַיין וַוייבּ?" זָאגְט עֶר: "חַנָּה", הָאט דֶער צַדִּיק מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט דֶעם תַּלְמִיד צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, אוּן אַוַודַאי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען דִי חֵן אוּן לִיבְּשַׁאפְט; וַוייל תְּפִלָּה הֶעלְפְט, אוּן אַז מֶען הָאט עַקְשָׁנוּת צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג - זֶעט מֶען יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ אוֹיב עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא חֵן - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט הַכְנָעָה צוּ אִיר; רֶעד שֵׁיין, גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת, דָאס אִיז נִישְׁט שֶׁקֶר; שֶׁקֶר אִיז וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ, אוּן אֱמֶת אִיז - אַז מֶען אִיז מְוַותֵּר אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַיין דִי קָאפּ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער יֶעדֶע זַאךְ, דָאס אִיז אֱמֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת איידלים

**הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי**

מוה"ר **דוד יהודא איידליס** הי"ו

וזוגתו **לאה מרים** תחי'

**וילדיהם**

**בילא ומשפ', נחמה ומשפ', יעקב יוחנן ומשפ', מרדכי ומשפ', שמעון עמרם ומשפ', טשארנא, ריזל.**

לרגל קשרי שידוכין של בתם הכלה עב"ג למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# זכות הפצה

**הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי**

מוה"ר **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו

וזוגתו **באשא הדס** תחי'

**וילדיהם**

**יענטא חי' דבורה ומשפ', שפרה**
**ליבא ומשפ', שלום אלי' ומשפ',**
**אלעזר ארי', מירל, בנימין זאב,**
**מאיר, נחמן נתן.**

לרגל קשרי שידוכין של בנם אלעזר ארי' עב"ג למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון